# פרשת קרח כ"ז סיון – ג' תמוז תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת קרח***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי, והשתתף אצל החומש סעודה לילדי התלמוד תורה במאנסי, שהתקיים באולם של התלמוד תורה. המנהל **הרה"ג רבי ברוך מאסקאוויטש שליט"א** אב"ד יאמפאלי פתח את המסיבה. אחר דרשת **הרה"ג דומ"ץ דקהלתנו במאנסי שליט"א**, נשא **רבינו שליט"א** מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן די חשוב'ע עלטערן און זיידעס וואס זענען געקומען אטייל נעמען ביי די שמחה פון זייערע קינדער און אייניקלעך, וואס הייבן יעצט אן צו לערנען תורה שבכתב. איך וויל באגריסן דעם חשוב'ן מנהל און דעם סגן מנהל, וואס לייגן אריין א גאנץ יאר א געוואלדיגע ארבעט אין די קינדער. ובראשם דער חשוב'ער מלמד רבי יעקב יוסף פארטוגאל, וואס האט אריינגעלייגט אזויפיל כח א גאנץ יאר אין די קינדער, און זיי צוגעגרייט אז זיי זאלן קענען אנהייבן צו לערנען חומש. זאל דער אייבערשטער געבן פאר אלע, אז מען זאל זעהן אסאך יודיש נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.

**דער** חשוב'ער דיין האט פריער ארויסגעברענגט, אז ביי די מצוה פון חלה איז דא א רמז אויף די קליינע קינדער, ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה (במדבר טו-כ). אין הייליגע ספרים שטייט, אז דאס ווארט 'חלה' איז די אותיות ח' ל' ה'. דאס איז רומז אויף די דריי ערשטע מצות וואס הייבן זיך אן ביי א קינד. ח' איז רומז אויף שמונה ימי מילה, מען מל'ט א קינד צו די אכט טאג. ל' איז רומז, אז צו די דרייסיג טאג איז מען פודה א קינד. און דער ה' איז רומז, אז ביי די פינף יאר הייבט מען אן צו לערנען מקרא, בן חמש למקרא (אבות ה-כא). ראשית עריסותיכם, פון קליינערהייט אן, פון ווען מען ווערט געבוירן, חל"ה תרימו תרומה, דארף מען מפריש זיין דאס קינד, ער זאל שטייגען בהדרגה, נאך א מצוה און נאך א מצוה, ביז מען קומט אן צו בן חמש למקרא. - אין הייליגע ספרים שטייט, אז עריסותיכם איז א לשון פון א בעט, תינוק המוטל בעריסה. ראשית עריסותיכם, ווילאנג א קינד איז נאך קליין, ער ליגט נאך אינעם וויגל, חלה תרימו תרומה, דארף מען שוין מפריש זיין דאס קינד, אז דאס קינד זאל זיין הייליג פארן אייבערשטן.

**ווען** מען נעמט אראפ תרומה, איז דא א אוצר פון תבואה, און מען נעמט אראפ א חלק דערפון, און מען איז עס מפריש פאר תרומה. דער חלק ווערט קודש, און די איבריגע חלק פון די תבואה בלייבט חולין, וואס איז ראוי צו עסן. ביז יעצט איז עס געווען טבל, און ווען מען איז מפריש תרומה איז אלעס געווארן ראוי, נאר דער חלק וואס מען האט מפריש געווען פאר תרומה, דאס איז געווארן קודש לה'.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז די זעלבע איז אויך, ווען מען גייט אריין לערנען תורה. אלף נכנסין למקרא, טויזנט קינדער קומען אריין לערנען תורה, און נישט אלע וואקסען אויס. א חלק זענען מצליח און זיי קומען אן צו משנה, און א חלק קומען אן צו גמרא, אבער אחד מהם יוצא להוראה (ויק"ר ב-יא), צו תכלית פון תורה איז נאר אדם אחד מאלף מצאתי (קהלת ז-כח). און א יוד דארף שטענדיג בעטן, אז דער אייבערשטער זאל אים געבן די זכיה, אז ער זאל קענען ערציען א קינד, וואס זאל זיין דער תרומה. נישט אז דאס קינד זאל בלייבען ווי די איבריגע תבואה וואס איז נישט נתקדש געווארן. נאר זיין קינד זאל זוכה זיין, אז ער זאל זיין דער תרומה לה'. פון דעם גאנצן כרי תבואה וואס איז דא, זאל ער זיין דער קודש, ער זאל אויסוואקסן הייליג פארן אייבערשטען.

**עס זאגט זיך זייער גרינג, יעדער טאטע וויל אז זיין קינד זאל אויסשטייגען, אבער מען דארף עפעס צו טון דערצו. מען דארף צו טון אין שטוב, און מען דארף צו טון אין בית המדרש. צו טון אין שטוב איז, אז די שטוב זאל זיך פירן ערליך, די שטוב זאל זיך פירן הייליג, קינדער זאלן קענען ארויפקוקען אויף די עלטערן, ווי אזוי די עלטערן פירן זיך, דאס איז די התחלה אז דאס קינד זאל קענען אויסוואקסען, און ווערן תרומה פארן אייבערשטען.**

**נאכדעם איז דא תפלה, וואס א יוד דארף מתפלל זיין, און פארגיסען טרערן, און בעטן פונעם אייבערשטען, אז מען זאל זוכה זיין צו האבן גוטע קינדער. די נסיונות היינט איז אויסערגעווענליך גרויס, בדרך הטבע איז שווער צו פארשטיין ווי אזוי מען קען זיך האלטן אין אזא גלות וואס מיר זענען יעצט, אז מען זאל זיך קענען פירן ערליך מיט די טעכניק וואס איז דא. וויפיל טרערן דארף מען פארגיסן, און מתפלל זיין צום אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל אים געבן, אז ער זאל קענען זוכה זיין צו ערליכע יודישע דורות. דאס איז נישט א תפלה וואס מען זאגט איינמאל אין א חודש, צו איינמאל אין א יאר, נאר טאג טעגליך, ווען מען זאגט ברכת התורה, ונהיה אנחנו וצאצאנו וצאצאי צאצאינו כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה, דארף מען מתפלל זיין, אז דער אייבערשטער זאל אים געבן, אז ער זאל האבן ערליכע דורות.**

**חלה** איז א לשון פון מתפלל זיין, ויחל משה את פני ה' אלקיו (שמות לב-יא). 'ראשית עריסותיכם', ווען די קינדער זענען נאך קליין, זיי זענען נאך אין די בעטלעך, 'חלה', דארף מען מתפלל זיין און בעטן, 'תרימו תרומה', אז מיר זאלן קענען ערציען אונזערע קינדער, אז מיין קינד זאל זיין דער תרומה פארן אייבערשטען.

**דער** הייליגער **חתם סופר** שרייבט אין די דרשות (דף קט), אז עס שטייט אין פסוק (שמות יב-טו) שבעת ימים מצות תאכלו, זיבן טאג זאל מען עסן מצה, אך ביום הראשון תשביתו שאור מבתיכם, דעם ערשטען טאג זאל מען משבית זיין דעם שאור מבתיכם, ערב פסח דארף מען אוועקנעמען אלע חמץ, כי כל אוכל חמץ, ונכרתה הנפש ההיא מישראל, מיום הראשון עד יום השביעי. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, שבעת ימים דאס ווייזט אויפן לעבן פון א מענטש, ימי שנותינו בהם שבעים שנה (תהלים צ-י). מצה איז דאך א הייליגע מאכל. די עבודה פון א יוד איז, שבעת ימים מצות תאכלו, די זיבעציג יאר לעבן פון א יוד, זאל אדורכגיין בקדושה, אזוי ווי די בחינה פון מצה. זאגט אבער דער הייליגער **חתם סופר**, כדי מען זאל קענען האבן א ערליך לעבן, ווענט זיך אבער ווי אזוי מען איז אים מחנך. אויב מען גיט אכט אויף א קינד ווילאנג ער איז קליין, מען לייגט אריין כוחות ווילאנג דאס קינד איז נאך קליין, און מען געוואוינט אים צו צו ערליכקייט, הרגל נעשה טבע, דאס בלייבט איבער אויף שפעטער. שבעת ימים ווייזט אויף די זיבעציג יאר, איין טאג, דער יום הראשון, דאס ווייזט אויף די ערשטע צען יאר פון א קינד. אז מען וויל אז עס זאל זיין שבעת ימים מצות תאכלו, אז מען זאל זיך פירן ערליך א גאנץ לעבן, דארף מען אכט געבן אז, 'אך ביום הראשון תשביתו שאור מבתיכם'. דער טאטע דארף אכט געבן אויף די יונגע יארן, און משבית זיין דער שאור פונעם שטוב. נישט עס באהאלטן פונעם קינד און אריינלייגען אין די קלאזעט, נאר תשביתו שאור מבתיכם. **אזוי ווי חמץ קומט נישט אריין אינעם שטוב, אזוי דארף מען אכט געבן, אז יעדע זאך וואס איז נישט הייליג, זאל זיך נישט געפונען אין זיין הויז. אז מען וויל קענען ערציען ערליכע קינדער, דארף זיין אין די שטוב א הייליגע לופט, און א ריינע לופט.** אך ביום הראשון תשביתו שאור מבתיכם, זעהטס אז אין די ערשטע יארן פונעם קינד, זאל די שטוב זיין ריין פון חמץ.

**זאגט** דער **חתם סופר** ווייטער, 'כי כל אוכל חמץ', ווען א מענטש גיט נישט אכט אויף דעם ביום הראשון תשביתו, ער עסט יא חמץ אין דעם יום הראשון, איז ונכרתה הנפש ההיא מיום הראשון עד יום השביעי, וועט פארשניטען ווערן דער נפש פונעם קינד פאר זיין גאנץ לעבן. אויב מען איז נישט נתחנך געווארן ווי עס דארף צו זיין, איז זייער שווער אז מען זאל זיך שפעטער צוריקכאפן. מען דארף לייגן א גרויסן דגוש אויף די קינדער ווילאנג זיי זענען קליין.

**מען** קוקט אן אזעלכע הייליגע צורות פון די קינדער, יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, מיט אזא ריינקייט, מיט אזא ערליכקייט, פאלגן וואס מען זאגט. מען לערנט, און מען זאגט ברכות, און מען פירט זיך ערליך, דארף מען מתפלל זיין, אז די טהרה זאל ווייטער אנהאלטן. און דאס ווענט זיך אין אונז, מיר דארפן צולייגען אז אונזערע שטובער זאלן זיין הייליג, אונזערע תפלות פארן אייבערשטען זאלן זיין הייליג, דעמאלטס איז מען זוכה, אז די קינדער וואקסען אויס תרומה פארן אייבערשטען.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער ערציען די קינדער און אייניקלעך לתורתו ועבודתו יתברך שמו, און מיר זאלן זעהן אסאך יודיש נחת, יעדעס קינד זאל קענען אויסוואקסען א תרומה פארן אייבערשטען, ער זאל נתקדש ווערן מיט א קדושה עליונה. דער באשעפער זאל געבן פאר אלע עלטערן און זיידעס, אז זיי זאלן זעהן אסאך יודיש נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר אלע זאלן זעהן שמחות און נחת ביי אונזערע קינדער, און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר החומש סעודה ביקר **רבינו שליט"א** בישיבה קטנה **'נועם התורה'** דקהלתנו הק' במאנסי, והשמיע לפניהם דברות קודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ב"ה** איך הער זייער שיינע גריסן פון די בחורים, מען לערנט פלייסיג, מען חזר'ט איבער וואס מען האט געלערנט, כדי מען זאל געדענקען וואס מען האט געלערנט, און עס זאל זיין דברי תורה מחודדים בפיך (קידושין ל.). דער גאנצער תכלית פונעם לערנען, איז נאר אז מען זאל האבן וואס צו חזר'ן. **נישט ווייל מען האט געלערנט וועגן דעם חזר'ט מען, נאר כדי מען זאל האבן וואס צו חזר'ן, וועגן דעם דארף מען קודם לערנען.** די עיקר פון תורה איז וואס מען געדענקט, און עס בלייבט איבער אויף שפעטער, שאם ישאלך איש אל תגמגם, ווען מען וועט פרעגן שפעטער, זאל מען קענען זאגן קלאר וואס מען האט געלערנט.

**וואס** איז די עצה אז מען זאל צוקומען צו געדענקען וואס מען האט געלערנט. די תשובה דערויף איז אין די פארגאנגענע פרשה, אין די פרשה פון ציצית. - מען זאגט יעדן טאג, צוויי מאל אין טאג, דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם, ועשו להם ציצית על כנפי בגדיהם לדורותם, ונתנו על ציצית הכנף פתיל תכלת, והיה לכם לציצית, וראיתם אותם וזכרתם את כל מצות ה' ועשיתם אותם, ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם, למען תזכרו ועשיתם את כל מצותי, והייתם קדושים לאלקיכם (במדבר טו-לח).

**עס** שטייט אין ספר **ראשי בשמים** פון **רבי ישעיה מושקאט זצ"ל**, מען ווייסט, אז ציצית האט אין זיך צוויי חלקים. עס איז דא חוטים וואס זענען לבן, און עס איז דא איין חוט וואס דארף זיין תכלת. חוטי לבן זענען מיר אלע מקיים, אבער חוטי תכלת איז אמאל אנגעגאנגען, ווייל אמאל איז געווען תכלת, אבער עס איז געווען א גרויסע תקופה וואס די תכלת האט זיך אויפגעהערט. דער ראדזינער רבי האט שפעטער צוריק מחדש געווען תכלת, און מען האט זיך געדינגען מיט אים, צו עס איז טאקע תכלת. תכלת איז נישט א מצוה וואס איז געבליבן לדורות, אבער חוטי לבן, דאס איז געבליבן אויף שטענדיג. זאגט ער, ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא (תענית ט.), אלעס איז מדוייק אין די תורה הק'. דער פסוק זאגט אזוי, 'דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם ועשו להם ציצית על כנפי בגדיהם לדורותם', ציצית אויף די כנף פון א בגד, דאס איז לדורותם, דאס קען מען מקיים זיין אין אלע דורות. אבער 'הכנף פתיל תכלת', די מצוה אז עס זאל זיין א פתיל תכלת אויך, דאס איז 'והיה לכם לציצית', דאס האט משה רבינו געזאגט אז עס איז לכם, פאר ענק, אבער נישט לדורותם. דאס אז מען זאל גיין מיט ציצית, דאס איז א מצוה לדורות, שטענדיג וועט מען גיין מיט ציצית, אבער 'הכנף פתיל תכלת', דאס איז 'והיה לכם לציצית', דאס איז נישט א הכרח אז עס וועט זיין, ווייל עס איז מעגליך אז די מצוה פון תכלת וועט בטל ווערן.

*

**זאגט** דער פסוק ווייטער, וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה', ווען מען וועט זעהן די ציצית, וועט עטץ געדענקן אלע מצות פונעם אייבערשטען. און ווי רש"י זאגט, אז ציצית אליין דערמאנט אלע תרי"ג מצות. די ווארט ציצית באטרעפט זעקס הונדערט. און עס איז דא אכט פעדעמער, מיט פינף קשרים, צוזאמען איז עס תרי"ג. וראיתם אותו, ווען א מענטש קוקט אויף זיינע ציצית, ברענגט עס אים וזכרתם את כל מצות ה' ועשיתם אותם, אז ער זאל קענען געדענקן און מקיים זיין אלע מצות.

**יעדע** מצוה האט אין זיך א געוויסע סגולה, אונז ווייס מיר נישט די סגולות פון די מצות, אבער די

סגולה פון מצות ציצית שטייט אין חומש, אז מען וועט געדענקן די גאנצע תורה. **און וועגן דעם האבן זיך ערליכע יודען געפירט, אז מען איז געגאנגען מיטן טלית קטן אינדרויסן, אז מען זאל שטענדיג קענען זעהן די ציצית. און אפילו די וואס זענען נישט געגאנגען מיט א טלית קטן אינדרויסן, איז על כל פנים די ציצית ארויסגעשטאנען פון די בגד, ווייל די תורה זאגט וראיתם אותו, די תורה זאגטו נישט אז עס זאל זיין באהאלטן, מען זאל עס נישט זעהן, נאר וראיתם אותו, און אז מען זעהט די ציצית, וזכרתם את כל מצות ה'.**

*

**אז** מען וויל וויסען די געוואלדיגע חשיבות פון א מצוה וואס א יוד טוט. ציצית איז א מצוה קלה, מען דארף נאר ארויפצולייגען פיר בענדלעך ציצית אויף א בגד, און יעדע רגע וואס מען גייט דערמיט, איז מען מקיים א מצוה. מיר האבן נישט א השגה ווי גרויס עס איז דער שכר וואס דער אייבערשטער גיט פאר א מצוה, אבער עס איז דא געוויסע מצות וואס עס שטייט אין חז"ל, די שכר וואס מען באקומט פאר די מצוה.

**וואס** איז דער שכר וואס מען גיט פאר איינעם וואס גייט מיט ציצית, זאגט די גמרא (שבת לב:) אז ער איז זוכה, אז לעתיד וועט ער האבן צוויי טויזנט אכט הונדערט קנעכט וואס וועלן אים באדינען. און עס איז דא דערויף א פסוק (זכריה ח-כג), בימים ההמה אשר יחזיקו עשרה אנשים מכל לשונות הגוים, לעתיד וועלן קומען צען גוים פון אלע פעלקער, והחזיקו בכנף איש יהודי, און זיי וועלן זיך אנכאפען אינעם כנף פון א בגד פון א יוד, לאמר נלכה עמכם. זאגט די גמרא, עס איז דא זיבעציג פעלקער, און פון יעדע פאלק וועלן קומען צען גוים, צען מאל זיבעציג איז זיבן הונדערט, זיבן הונדערט אויף איין כנף. פיר מאל זיבן הונדערט, איז צוויי טויזנט מיט אכט הונדערט, דאס איז דער שכר וואס דער אייבערשטער גיט פאר א גרינגע מצוה, צוויי טויזנט און אכט הונדערט עבדים. - **וויפיל שכר גיט דער אייבערשטער ווען א בחור פלאגט זיך אין ישיבה, און ער זיצט און לערנט, און עס קומט אים אן שווער צו לערנען, איבערצוחזרן נאך א בלאט און נאך א בלאט, די געוואלדיגע שכר לעתיד וואס מען וועט זוכה זיין, דאס קען מען זיך אראפלערנען פון די מצוה קלה וואס דער אייבערשטער האט אונז מגלה געווען ביי ציצית.**

**איך** האב די וואך געזען שטיין פון **רבי חיים קנייבסקי זאל זיין געזונט**, אז איינער האט אים געפרעגט, וואס וועט מען טון מיט אזויפיל עבדים. שטעלטס ענק פאר, אז מען גיט ענק צוויי טויזנט און אכט הונדערט עבדים, א גאנצע שטאט מיט עבדים, מען קען אנפילען מיט זיי אפאר גרויסע בתי מדרשים, וואס טוט מען מיט זיי? א תלמיד חכם טראכט דאך אלעס תורה'דיג, האט ער געזאגט, וואס איז טייטש וואס מען וועט האבן דערפון, ביי שבת איז דא א מצוה פן שביתת עבדים, ווען א יוד האט א עבד, דארף דער יוד אכט געבן, אז דער עבד זאל נישט טון א מלאכה אין שבת, קומט אויס אז מען וועט פארדינען צוויי טויזנט אכט הונדערט מצות, פאר יעדן עבד וועט מען האבן נאך א מצוה.

**מיט** דעם האב איך פארשטאנען, אז דער פסוק זאגט למען תזכרו ועשיתם את כל מצותי, די גמרא (נדרים כה.) דרש'נט, אז מצות ציצית איז שקולה כנגד כל מצות שבתורה, און שבת איז שקול כנגד כל המצות (ירושלמי ברכות א-ה), א מומר לשבת איז א מומר לכל התורה כולו (חולין ה.). ווען איינער היט שבת, איז כאילו ער האט געהיטן די גאנצע תורה. קומט אויס, אז דורך די מצוה פון ציצית קען ער מקיים זיין די מצוה פון שבת מיט א הידור. צוויי טויזנט אכט הונדערט עבדים וועלן היטן שבת, און יעדע מינוט ווערט גערעכנט פאר א מצוה פאר דעם מענטש, קומט אויס אז דורך די מצוה פון ציצית, וזכרתם את כל מצות ה' ועשיתם אותם, וועט מען קענען האלטן דעם שבת, וואס שבת איז שקול אזוי ווי כל מצות ה'.

**אבער** אין פשטות, איז די קשיא נישט אזא גרויסע קשיא. ווייל עס שטייט אין ילקוט (ישעיה תקג), אז לעתיד לבא וועט דער מקום המקדש נתפשט ווערן, און עס וועט זיין אזוי גרויס ווי גאנץ ירושלים. און ירושלים וועט זיין אזוי גרויס, ווי גאנץ ארץ ישראל. און ארץ ישראל וועט זיין גרויס, אזוי ווי כל העולם כולו. דער מדרש גיט א משל

דערויף, אזוי ווי א מגילה, וואס ווען עס איז איינגעוויקלט קוקט עס אויס ווי א קליינע מגילה, אבער ווען מען הייבט עס אן צו עפענען קען מען עס אויסצויען א גאנצע גאס, אזוי איז ארץ ישראל. די ערד פון ארץ ישראל איז איינגעוויקלט, און לעתיד לבא וועט עס דער אייבערשטער עפענען ווי א מגילה וואס ווערט גע'עפענט, און עס וועט נתפשט ווערן, אז דער בית המקדש וועט זיין אזוי גרויס ווי ירושלים, און ירושלים וועט זיין אזוי גרויס ווי ארץ ישראל, און ארץ ישראל ווי די גאנצע וועלט.

**איך** האב געזען אמאל שטיין, אז דאס איז פשט וואס מען זאגט ביים דאווענען, והביאנו לציון עירך ברנה, 'ולירושלים בית מקדשך' בשמחת עולם, דער בית המקדש וועט זיין אזוי גרויס ווי ירושלים. מען בעהט אז דער אייבערשטער זאל אונז צוריקברענגען צום בית המקדש, וואס וועט דעמאלטס זיין אזוי גרויס ווי ירושלים.

**און** אז ארץ ישראל וועט זיין אזוי גרויס ווי דער גאנצער וועלט, וועט כלל ישראל פארמאגען די גאנצע וועלט. און אז מען וועט פארמאגען די גאנצע וועלט, דארף מען האבן אסאך עבדים, אז מען זאל קענען פירען א גאנצע וועלט. וועט דער אייבערשטער געבן פאר יעדן איינעם, אז ער וועט האבן צוויי טויזנט און אכט הונדערט עבדים וואס וועלן אים קענען באדינען, ווייל די גאנצע וועלט וועט דאך זיין אונטער יודען. - די מוסר השכל דערפון איז, וויפיל שכר דער אייבערשטער גיט פאר א מצוה וואס א יוד איז מקיים. מען דארף עס נישט האלטן גרינג, יעדע זאך וואס קומט אן שווער אין עבודת ה', דארף מען וויסען אז דער שכר וואס דער אייבערשטער גיט דערויף, איז זייער גרויס.

*

**די** גמרא (מגילה ז:) זאגט, יגעת ומצאת תאמין, ווען א מענטש פלאגט זיך, און ער זאגט נאכדעם אז ער האט געטראפן, זאלסטו אים גלייבן. לא יגעתי ומצאתי אל תאמין, אויב ער זאגט, איך האב זיך נישט געפלאגט, און איך האב דאך געטראפן, גלייב אים נישט. עס איז נישט מעגליך, אן יגיעה קומט מען נישט צו, הלואי נאך א יגיעה זאל מען צוקומען. יגעתי ולא מצאתי, איז אויך אל תאמין, אויב דו האסט זיך געפלאגט, וועסטו צוקומען. זאגט אבער די גמרא, 'הני מילי', דאס איז נאר געזאגט געווארן, 'לחידודי', צו קענען, דאס וועגט זיך אין וויפיל מען האט זיך געפלאגט, 'אבל לאוקמי גירסא, סייעתא דשמיא'. טייטשט רש"י, שלא ישתכח לימודו, אז א מענטש זאל לערנען, און ער זאל געדענקן וואס ער לערנט, איז נישט גענוג יגיעה אליין. ער קען זיך פלאגן, און נישט געדענקען. ער האט זיך געפלאגט די זעלבע ווי דער חבר, און אפשר נאך מער פונעם חבר, און ער האט פארשטאנען בשעת'ן לערנען בעסער ווי דער חבר, אבער עס גייט אדורך א שטיק צייט, געדענקט ער נישט וואס ער האט געלערנט. און די גמרא זאגט, אז עס איז תלוי אין סייעתא דשמיא. ויש יגע ואינו מוצא, ער קען זיך פלאגן און ער קומט נישט צו דערצו.

**דער** גאנצער תכלית איז דאך צו געדענקען, וואס איז די עצה אז מען זאל צוקומען צו געדענקען וואס מען האט געלערנט. ער פלאגט זיך, און ער האט שוין געטראפן, און יעצט זאגט מען אים, אז נישט יעדער איינער איז זוכה אז מען זאל געדענקען וואס מען האט געלערנט. איז די תירוץ, עס איז תלוי אין סייעתא דשמיא. וואס איז די סייעתא דשמיא וואס א מענטש זאל צו טון דערצו, אז ער זאל קענען זוכה זיין צו געדענקען וואס מען האט געלערנט. די סייעתא דשמיא שטייט דא אין פסוק. ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, אשר אתם זונים אחריהם, ווען א יוד היט זיך, ער גייט נישט נאך די אויגען, ער גייט נישט נאך די מחשבות פונעם הארץ, ער פירט זיך ערליך, ער היט זיך די אויגען און די מחשבה, 'למען תזכרו', איז דא א סגולה פאר זכרון, אז מען איז זוכה זיין צו געדענקן וואס מען לערנט.

**עס קומט זומער, עס איז שווערע צייטן, מען דארף זיך היטן מער פון א גאנץ יאר. יעדע שמירה וואס א יוד טוט זיך צו היטן די אויגען און די מחשבה, גיט ער צו נאך א חלק אין דעם למען תזכרו, ער וועט געדענקן נאך א תוספות. און זה לעומת זה, ווען א מענטש היט זיך נישט, פארלירט ער די סייעתא**

**דשמיא. פאר יעדע ראיה אסורה וואס קומט אים אויס צו זעהן, קען ער פארלירן א תוספות, ער קען פארלירן א מאמר חז"ל, וואס ער געדענקט נישט. די תורה הק' איז מעיד, אויב עס איז ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, למען תזכרו ועשיתם את כל מצותי, וועט מען געדענקן די תורה.**

**עס** שטייט אין מדרש (תנחומא טו, והובא ברש"י במדבר טו-לט), אז די סדר פון א עבירה איז, עין רואה והלב חומד, און נאכדעם זענען די כלי מעשה גומרים. אלעס הייבט זיך אן ביי די אויגען, עין רואה. ווילאנג א מענטש זעהט נישט, האט ער נישט א עבירה. ווען ער וועט זיצען אין א ליידיגע בית המדרש, גלוסט ער נישט צו עסן, אבער תיכף ווען ער קומט אריין אין עס זאל, און ער זעהט ווי דאס עסן איז אויסגעשפרייט אויפן טיש, האט ער א אפעטיט, און ער וויל זיך תיכף צוכאפן צום עסן. און דאס זעלבע איז ביי יעדע תאוה. עין רואה, ווען א מענטש זעהט עפעס, איז הלב חומד. די גמרא (סוטה ח.) זאגט, אין יצר הרע שולט אלא במה שעיניו רואות, עס איז נישט דא א יצר הרע אויף א זאך וואס מען זעהט נישט. ווען דו האסט געזען, קענסטו האבן א יצר הרע אפילו אסאך יארן שפעטער, פון די איין ראיה וואס מען האט געזען. ווען א מענטש היט זיך די אויגן, און ער היט זיך דאס הארץ פון א דבר עבירה, איז ער זוכה אז ער זאל געדענקן די תורה.

*

**איך** האב געטראכט, עס שטייט אין די גמרא (שבת קמז:), אז רבי אלעזר בן ערך איז אמאל אוועקגעפארן אויף א פלאץ ווי עס איז געווען דארט זייער אסאך תענוגים, גוטע וויין מיט גוטע בעדער. און דער גרויסער תנא רבי אלעזר בו ערך, [וואס אין די משנה (אבות ב-ח) שטייט אויף רבי אלעזר בן ערך, אז ווען מען זאל לייגען אלע חכמי ישראל אין איין וואגשאל, און אים אין די אנדערע וואגשאל, וועט ער מכריע זיין אלע], איז נמשך געווארן נאך זיי. ער האט נאכגעלאזט אביסל פון תורה, און ער האט זיך אנגעהויבן אריינצולאזן אין טרינקען און אין מרחצאות, [מיר פארשטייען נישט די טיפקייט דערפון, אבער אין פשטות אזוי שטייט אין די גמרא], איעקר תלמודיה, ער האט פארגעסן וואס ער האט געלערנט. און ער האט גע'עפנט א חומש, און ער האט אריינגעקוקט אינעם פסוק (שמות יב-ב) החדש הזה לכם, האט ער נישט געקענט ליינען עברי, און ער האט געזאגט, החרש היה לבם. אנשטאט החדש הזה לכם, האט ער פארטוישט אויף החרש היה לבם. און ער האט געזעהן אז ער פארגעסט וואס ער האט געלערנט, האבן די חכמים מתפלל געווען אויף אים, אז ער זאל צוריק געדענקן דאס לערנען.

**אין גליון הש"ס** פון **רבי עקיבא איגר** (שבת שם), צייכענט ער צו, קוק נאך אינעם **ספר קרניים** (בליקוטים שבסוף הספר) וואס עס ווערט צוגעברענגט פון **רבי שמשון אוסטראפאליע** אויף די גמרא. און ער זאגט, אז עס שטייט פון די מקובלים, אז די אותיות רי"ב, איז א קליפה וואס מאכט פארגעסן דאס לערנען. ער האט זיך טועה געווען אין די ווערטער החדש הזה לכם, אינעם ווארט 'החדש' האט ער געמאכט פון די ד' א ר'. דאס ווארט 'הזה' האט ער גזאגט 'היה', האט ער געמאכט פונעם ז' א י'. און לכם, האט ער געמאכט פונעם כ' א ב', דאס איז די אותיות רי"ב. זאגט **רבי שמשון אוסטראפאליע**, אזוי ווי עס האט שולט געווען אויף אים דער קליפה פון רי"ב, דאס האט געמאכט אז ער האט פארגעסן דאס לערנען, און עס האט זיך אים געוויזען די אותיות פון רי"ב אין די ווערטער החדש הזה לכם, אז ער האט פארגעסן דאס לערנען. - און ער זאגט, אז פארקערט אויך, עס איז דא א שם וואס ברענגט צו זכרון, דאס איז אויך מרומז אין החדש הזה לכם, דער ד' און דער ז' און דער כ', די אותיות דז"כ ברענגט זכרון צו תורה, און די אותיות רי"ב וואס ער האט פארטוישט, דאס ברענגט שכחת התורה.

**אין** די מפרשים שטייט, אז דאס שטייט אינעם פסוק (דברים יז-ח) כי יפלא ממך דבר למשפט, בין דם לדם בין דין לדין וגו', דברי ריבות בשעריך. פארוואס איז יפלא ממך דבר למשפט, פארוואס ווייסט מען נישט, ווייל דברי 'ריבות' בשעריך, דער רי"ב דרייט זיך ארום דארט ביי דיר, און וועגן דעם פארגעסט מען דאס לערנען. - מען זאגט ביי על הנסים, אז די יונים האבן געוואלט להשכיחם תורתך, זיי האבן געוואלט אז מיר זאלן פארגעסן דאס לערנען, רבת

את 'ריבם', דער אייבערשטער האט זיך אנגענומען אויפן 'ריב', ווייל 'ריב' ברענגט שכחת התורה.

**וואס** איז די עצה מבטל צו זיין דעם כח פון 'ריב', אז מען זאל נישט האבן שכחת התורה, נאר מען זאל געדענקן וואס מען לערנט. זאגט די תורה, ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם. 'עינים' באטרעפט הונדערט און אכציג, 'לב' באטרעפט צוויי און דרייסיג, צוזאמען איז עס צוויי הונדערט און צוועלף, דאס איז רי"ב. 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם', אז א יוד היט זיך, און ער גייט נישט נאך די הארץ און נאך די אויגן, ער היט זיך די עינים מיט די לב, 'למען תזכרו', וועט דאס ברענגען אז ער זאל געדענקן תורה. ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, ברענגט שכחת התורה. און פארקערט, ווען מען היט זיך, און מען גייט נישט אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, איז מען מבטל דעם 'ריב', און דאס ברענגט אז מען זאל געדענקן וואס מען לערנט.

*

**אין** די זומער וואכן, וואס די נסיונות זענען אסאך גרעסער ווי א גאנץ יאר, דארף מען געדענקן די צוויי זאכן. **אז מען וויל געדענקן וואס מען לערנט, און מען וויל זיין אפגעהיטן, דארף מען געדענקן די מצוה פון ציצית. ווען מען גייט ערליך מיט ציצית, מען גייט מיט די ציצית אינדרויסן, אז מען זאל זעהן די ציצית, וראיתם אותו וזכרתם את כל מצותי, און אז מען קען גיין מיט וואלענע ציצית איז דאך אוודאי אז עס האט א חשיבות, ווייל עס איז דא דיעות וואס האלטן, אז מען איז נישט יוצא די מצוה פון ציצית מן התורה, נאר מיט א וואלענע טלית קטן, און נישט מיט א אנדערע. און וועגן דעם האבן זיך אסאך ערליכע יודען געפירט, אז אפילו עס איז שווער געווען, האט מען געזוכט וואס מען קען מהדר זיין אין ציצית, ווייל ציצית ברענגט, אז מען זאל געדענקן אלע מצות פונעם אייבערשטען, וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה', האט מען מדקדק געווען דאס מערסטע וואס מען קען, אז מען זאל צוקומען אז מען זאל געדענקן תורה.**

**ווען** עס קומען די זומער וואכן, צייטן וואס די נסיונות זענען גרעסער, דארף מען אכט געבן, אז מען זאל נישט נכשל ווערן. מען דארף געדענקן אז יעדע זאך וואס א יוד טוט צו דעם לא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, ברענגט דאס אז מען זאל געדענקן וואס מען האט געלערנט. אז מען וויל אז די תורה זאל זיין מחודדים בפיך, אז ווען מען חזר'ט איבער זאל מען נישט פארגעסן וואס מען לערנט, נאר מען זאל געדענקן וואס מען לערנט, דארף מען זיך פירן ערליך.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען אנקומען צו דעם מחודדים בפיך. **נעמען אויף זיך א עול, איך וויל קענען די גאנצע מסכת וואס מען האט געלערנט, און אלעס וואס מען האט געלערנט אין משך פונעם יאר. יעצט איז דער זמן וואס מען דארף קוצר זיין די תבואה.** א מענטש טוט אנזייען א פעלד, און עס איז געוואקסן, אזויפיל פלאג גייט אריין אין די חרישה, ביז ער האט אויפגעאקערט דאס פעלד, און ארויסגענומען די שטיינער און די שלעכטע געוואוקסען. און נאכדעם האט ער זורע געווען, און אויסגעגעבן געלט אויף די זריעה. און עס איז געוואקסען, און יעצט איז דא א שיין פעלד, און אלעס איז שוין פיל, און עס קומט די צייט פון קצירה. און יעצט זאגט ער, איך בין מיד, איך האב נישט קיין צייט צו גיין קוצר זיין, און ער לאזט איבער אלע תבואה אויפן פעלד, און ער נעמט עס נישט אריין אין זיין מאגאזין, איז ער א שוטה. דו האסט זיך געפלאגט, דו האסט אוועקגעגעבן צייט דערויף, יעצט איז די צייט דו זאלסט עס צוזאמקלויבען, דאס ביסל פלאג וואס דו דארפסט קוצר זיין, לאזטו איבער.

**דאס זעלבע איז ווען א מענטש לערנט, וואס דאס איז די זריעה. ביז חודש תמוז איז זריעה, און פון חודש תמוז ביז סוף זמן איז די קצירה. מען האט זיך געפלאגט אויף די זריעה, יעדע בלאט גמרא האט מען שווער אדורך געאקערט, ביז מען האט עס פארשטאנען, יעצט קומט די קצירה, יעצט הייבט מען אן אריינצולייגען אין זיך, אז מען זאל עס געדענקן אויף כל ימי חייו. גירסא דינקותא זאגט די גמרא** (שבת כא:)**, אז דאס פארגעסט מען נישט. וואס מען האט יעצט געלערנט, דאס געדענקט מען. פרעגטס אביסל די וואס זענען עלטער פון ענק, וואס מען געדענקט איז נאר וואס מען האט**

**גע'חזר'ט אין די יונגע יארן. וואס מען לערנט אויף די עלטער, לערנט מען היינט און מען קען עס פארגעסן מארגן, די זכרון איז נישט אזוי שטארק, אבער וואס מען לערנט יעצט, דאס געדענקט מען אויף לעולם ועד. אז מען וויל אויסוואקסען א תלמיד חכם, דארף מען וויסען אז די צוויי חדשים תמוז מיט אב, דארף זיין די חשוב'סטע חדשים פונעם יאר, און עס אויסנוצן כדי צוזאמקלויבן אלעס וואס מען האט געלערנט.**

**זאל** דער באשעפער געבן, אז עס זאל זיין ואספת דגנך ותירושך ויצהרך, מען זאל קענען צוזאמנעמען אלע תבואות, און שטייגען אין תורה און אין יראת שמים, אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודען. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **משה יואל שלעזינגער** הי"ו, וקבע מזוזה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שני פרשת קרח***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למחנינו בפארקסוויל, והשתתף אצל הבר מצוה של בן הרב **יעקב יוסף קריינדלער** שליט"א.

*

***יום שלישי פרשת קרח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הרב **יעקב יוסף קריינדלער** שליט"א. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת קרח***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו. אחר התפלה התקיים הברית של בן הרב **משה יעקב פישער** שליט"א. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **הלל צימענד** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו הגדול. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה איז די מחלוקת פון קרח און משה רבינו. אין די טענות וואס ער האט ארויסגעלייגט אקעגן משה רבינו האט ער געזאגט, רב לכם, כי כל העדה כולם קדושים ובתוכם ה', ומדוע תתנשאו על קהל ה' (במדבר טז-ג). דער **חיד"א** ברענגט צו פונעם ספר **פענח רזא**, אז כ'י כ'ל העד'ה כול'ם, איז די סופי תיבות מיל"ה. ער ברענגט נישט צו וואס דער **פענח רזא** זאגט דער שייכות דערצו, אבער דער **חיד"א** אליין זאגט, אז דער פשט דערפון איז, אז קרח האט געטענ'ט אז ביי מתן תורה האט משה רבינו געזאגט אין נאמען פונעם אייבערשטען, ואתם אם שמוע תשמעו בקולי, ושמרתם את בריתי, והייתם לי סגולה מכל העמים וגו', ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש (שמות יט-ה). דער אייבערשטער האט צוגעזאגט אז יודען וועלן זיין א ממלכת כהנים, יעדער יוד קען זיין א כהן. עס איז טאקע דא א תנאי, ושמרתם את בריתי, אז מען זאל מקיים זיין מצות מילה, אבער כי כל העדה כולם קדושים, מיר האבן אלע מקיים געווען מצות מילה, און עס איז דא הבטחה פונעם אייבערשטען, אז טאמער עס וועט זיין שמוע תשמעו בקולי, און ושמרתם את בריתי, איז ואתם תהיו ממלכת כהנים, קען יעדער יוד זיין א ממלכת כהנים. דאס איז געווען די תביעה פון קרח. אזוי טייטשט דער **חיד"א**.

**לויט** דעם איז מדויק וואס זיי האבן צוגעגעבן, כי כל העדה כולם קדושים 'ובתוכם ה', ווייל עס שטייט אין **תיקוני זוהר** (תיקון כב עו.), אז ווען מען מל'ט א קינד קומט ארויף אויפן קינד די אותיות פונעם שם הוי"ה, איז דאך ובתוכם ה'. - כי כל העדה כולם קדושים, אלע זענען געמל'ט, זיי האבן אויף זיך דעם אות ברית קודש, ובתוכם ה', און זיי האבן אויף זיך דעם שם הוי"ה, ומדוע תתנשאו על קהל ה', פארוואס קומט ענק אז עטץ זאלסט ענק מתנשא זיין.

**עס** קען זיין, אז די מצוה פון מילה האט נאך א שייכות צו דעם וואס זיי האבן ארויסגעברענגט. ווייל שפעטער ווען יודען זענען געווען אין מדבר, שטייט אין די גמרא (יבמות עב.) אז אלע פערציג יאר וואס מען איז געווען אין מדבר, האט מען זיך נישט געמל'ט, ווייל פון די מרגלים אן, זענען זיי געווען נזופין פונעם אייבערשטען, און לא נשיב להם רוח צפונית, עס האט נישט געבלאזן קיין רוח צפונית, האט מען זיך נישט געמל'ט. אויסער שבט לוי, זיי האבן נישט געקוקט, און זיי האבן זיך געמל'ט די גאנצע צייט. קומט אויס, אז ווען מען זאגט כי כל העדה כולם קדושים, וואס איז די חילוק צווישן כלל ישראל און שבט לוי, איז עס נישט אזוי פשוט, ווייל גאנץ שבט לוי האבן זיך געמל'ט אין מדבר, און כל העדה האבן זיך נישט געמל'ט, האט שבט לוי מער צו פארקויפן, ווי דער איבריגער כלל ישראל.

**דאס** איז אבער נאר שייך ווען מען איז אריבערגעגאנגען פערציג יאר וואס מען איז געבליבען אינעם מדבר, און מען האט זיך נישט געמל'ט, און שבט לוי האט זיך יא געמל'ט, האט זיך אויסגעשטעלט אז שבט לוי איז געשטאנען העכער פון כלל ישראל. אבער יעצט ווען מען האלט נאך די פרשה פון די מרגלים, איז מען דאך נאכנישט צוגעקומען צו דעם זמן אז יודען זאלן זיך נישט מל'ן. אלע קינדער וואס זענען געבוירן פון די מרגלים אן האבן זיך נישט גע'מל'ט, אבער כי כל העדה, ווער מען רעדט פון די עדה וואס זענען ראוי צו טון די עבודה, איז כ'י כ'ל העד'ה כול'ם קדושים, די סופי תיבות מיל"ה, יעצט זענען דאך אלע גע'מל'ט. אמת טאקע אז שפעטער וועט אויסקומען אז שבט לוי האט א יתרון מער ווי די איבריגע, דאס איז ערשט שפעטער, אבער יעצט איז דאך כל העדה כולם קדושים, ובתוכם ה', ומדוע תתנשאו על קהל ה'.

*

***__שבת קודש פרשת קרח__***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** הסעודה ביחד עם תלמידי ישיבתינו הק'. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי משה מרדכי שליט"א**.

בסעודה שלישית נתכבד הר"י **הרה"ג רבי יעקב טובי' ווייזער שליט"א** בברכת המזון.

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכא בבית המדרש. **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו לשור ניגון. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הגה"ק בעל הפלאה זי"ע**, (לרגל יומא דהילולא ביום ד' תמוז), **ומאת הרה"ק רבי שמחה ישכר בער מציעשנוב זי"ע** (מתוך הספר **י"ג אורות**). בברכת המזון נתכבד הרב **שמחה קארניאל** שליט"א.

***__וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):__***

**היינט** נאכט איז די יארצייט פונעם הייליגען **הפלאה**. ער האט געמאכט דעם ספר **הפלאה**, און דעם ספר **פנים יפות** על התורה, און נאך מערערע ספרים. דער **הפלאה** איז געווען א ברודער פונעם **רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע**,ביידע זענען געווען קינדער פון **רבי הערש'לע טשארטקובער**.

**זייער** מאמע האט שטארק אכט געגעבן אויף די קינדער, און פון ווען זיי זענען נאך געווען קליין, פאר די דריי יאר, האט זי זיי אנגעטון א קאפל, און זי האט זיי קיינמאל נישט געלאזט אן א קאפל. און זי האט קיינמאל נישט געלאזט די קינדער בלייבען מיט די גוי'שע משרתת וואס איז געווען אין שטוב, ווייל זי האט מורא געהאט אז דער קאפל וועט אראפפאלן, און די גוי'טע וועט עס נישט צוריקלייגען. און ווען זי איז ארויסגעגאנגען פאר א לענגערע צייט, האט זי אלץ מיטגענומען די קינדער, כדי זיי זאלן אייביג גיין מיט א קאפל.

**מען** ווייסט אז א קאפל איז א מלבוש פון יראת שמים, אזוי שטייט אין די גמרא (שבת קנו:) אז ווען רב נחמן איז געבוירן געווארן, האבן די שטערן זעהער'ס געזאגט אויף אים, אז ער גייט זיין א גנב. און זייט דעמאלטס האט די מוטער אכט געגעבן, און זי האט אים שטענדיג צוגעדעקט די קאפ, אז ער זאל האבן יראת שמים. און זי האט אים אייביג געזאגט, זיי מתפלל אז דו זאלסט האבן יראת שמים, ווייל דו ביסט עלול אויסצוואקסען א גנב. איינמאל איז אים אראפגעפאלן די קאפל פונעם קאפ, האט ער תיכף געזוכט א זאך וואס ער קען גנב'נען, אזוי האט ער געהאט אין זיך דעם יצר. זעהט מען אז א קאפל איז א סגולה פאר יראת שמים, האט זי מקפיד געווען, אז פון קליינערהייט זאלן זיי גיין מיט א קאפל.

**איך זאג עס וועגן דעם, ווייל היינט איז מען צוגעוואוינט אז מען גייט מיט קליינע קאפלעך וכדומה. ווי א גרעסער קאפל מען האט, קומט צו נאך א שטיקל יראת שמים. מען דארף מדקדק זיין צו גיין מיט א קאפל וואס זאל צודעקן דעם קאפ געהעריג.**

*

**שפעטער** זענען ביידע אויסגעוואקסען גדולי ישראל. זייער מוטער פלעגט צו זאגען אויף זיי קליינערהייט, אז 'איך האב א קינד וואס בענטשט נישט, און איך האב א קינד וואס ליינט נישט קיין קריאת שמע שעל המטה'. דער **רבי ר' שמעלקא** בענטשט נישט, ווייל ער עסט נישט א גאנצע וואך קיין ברויט, ממילא בענטשט ער נישט. און דער **פנים יפות** לייגט זיך נישט ביינאכט שלאפן אין בעט, ליינט ער נישט קיין קריאת שמע. האב איך א קינד וואס בענטשט נישט, און א קינד וואס ליינט נישט קיין קריאת שמע.

**זי** האט געזאגט אז דער **רבי ר' שמעלקא** בענטשט נישט, ער האט קיין קריאת שמע אויך נישט געליינט, ער האט געטון ביידע. אפילו שפעטער ווען דער **רבי ר' שמעלקא** איז אויסגעוואקסען, האט ער זיך קיינמאל נישט געלייגט שלאפן אין א בעט, ער איז נאר געשלאפן אויפן בענקל, און ער האט זיך קיינמאל נישט געהעריג אויסגערוהט. און דער **הייליגער רבי ר' אלימלך** האט אים געבעטען אז ער זאל זיך לייגען שלאפן אין א בעט, כדי ער זאל זיין אויסגערוהט, און ער האט נישט געוואלט פאלגען. איינמאל האט ער אים שטארק משכנע געווען, אז ער זאל זיך לייגען, און ער האט זיך געלייגט אין בעט, און ער איז אויפגעשטאנען זייער אויסגערוהט, און נאכדעם האט ער אראפגעלייגט א דאווענען וואס איז געווען א אויסערגעווענליכע דאווענען. און מען זאגט, אז בשעת ער איז צוגעקומען צו די שירה, איז ער געווען אזוי דערהויבן, אז ער האט געמיינט אז ער גייט יעצט אריין אין וואסער, און ער האט זיך אויפגעהויבן די בעקיטשע, אז עס זאל נישט נאס ווערן בשעת ער גייט אריין אינעם וואסער. - און כאטש ער האט טועם געווען וואס דאס מיינט א דאווענען ווען מען איז אויסגערוהט, פון דעסטוועגן דאך האט ער זיך נישט געלייגט אין בעט. ער האט נישט אנגענומען וואס דער **רבי ר' אלימלך** האט אים געבעטען, און ער האט געהאלטן אז די סיגוף פון נישט שלאפן אין א בעט, איז חשובער פון זיין אויסגערוט צום דאווענען און לערנען.

*

**דער הפלאה** שרייבט, אז נאך די חתונה האט ער געלערנט מיט א דריטען ברודער, **רבי נחום**, און שפעטער האט זיך אפגעטיילט די חברותא מיט **רבי נחום**, איז ער געבליבן לערנען מיט זיין ברודער דער **רבי ר' שמעלקא**. און ער שרייבט, אז מיר האבן געלערנט אסאך יארן צוזאמען, און עס איז געווען צווישן אונז אזא אהבה, אזוי ווי דוד און יונתן. - שפעטער ווען זיי האבן געדארפט פרנסה, האבן זיי זיך צוטיילט, און יעדער איז געווארן א רב אין א צווייטע שטאט.

**עס** איז געווען צוויי גרויסע שטעט, ניקלשבורג און פראנקפורט. און די צוויי קהלות האבן געדארפט א רב, און מען האט געשיקט א קאנסוס פאר די צוויי ברודער'ס, און זיי זאלן צווישן זיך אויסקלויבען וועלכע שטאט זיי ווילן. ביידע זענען פאר זיי גוט געווען. ניקלשבורג האט געזאגט, אז זיי נעמען איינע פון די ביידע, און פראנקפורט האט געזאגט, אז זיי נעמען איינע פון די ביידע. און זיי האבן נישט געקענט מחליט זיין צווישן זיך. פראנקפורט איז געווען א גרעסערע רבנות, און יעדער האט געזאגט, אז דער ברודער זאל זיין דארט רב. פאר אים קומט זיך דער גרעסערע רבנות.

**זיי** זענען געווען תלמידים פונעם **רבי ר' בער פון מעזריטש**, און ווען זיי האבן געהאט דעם ספק וועלכע רבנות צו נעמען, זענען זיי געפארן צו זייער רבי, דער **רבי ר' בער**. ווען דער רבי ר' שמעלקא איז אנגעקומען, נאך פאר ער האט פארציילט פארן **רבי ר' בער** זיין ספק וועגן די רבנות, איז אים דער **רבי ר' בער** אנטקעגן געקומען, און ער האט אים געזאגט, **ניקלשבורגער רב** קומט'ס אריין. האט ער שוין געזען אז פאר אים קומט זיך ניקלשבורג, ווייל דער **רבי ר' בער** האט אים גערופן ניקלשבורגער רב, און דער **הפלאה** האט נאכדעם אנגענומען די רבנות אין פראנקפורט.

*

**דער חתם סופר** איז געבוירן אין פראנקפורט, און ער האט געלערנט דארט ביים **הפלאה** אין די ישיבה, און ער האט זיך געהאלטן פאר א תלמיד, ער שרייבט אסאך מאל אויפן **הפלאה** מורי ורבי. כאטש ער איז נאך געווען גאנץ יונג ווען ער האט איבערגעלאזט פראנקפורט, אבער ער האט זיך געהאלטן פאר א תלמיד.

**דער חתם סופר** (בשו"ת יו"ד סימן צ"ד) ברענגט צו א מעשה, ער שרייבט נישט ביי וועם די מעשה איז געווען, אז עס איז פארגעקומען א שאלה פאר א רב אין די שטאט, אז מען האט געקאכט א טאפ מילך, און בשעת'ן קאכן איז אדורכגעגאנגען א עוף, און עס האט נישט באמערקט אז מען קאכט דארט, און די עוף איז אריינגעפאלען אין דעם הייסען טאפ מילך, און עס איז געשטארבן. איז מען געקומען פרעגן א שאלה, צו מען קען נוצן דעם מילך, וועגן בשר וחלב. האט דער רב גע'פסקנ'ט, אז מען זאל עס אוועקגיסען, מען טאר עס נישט נוצן.

**שפעטער** האבן זיך די תלמידי חכמים אין שטאט אפגערעדט, אז דער רב האט זיך טועה געווען מיט זיין פסק. ווייל די הלכה איז, אז בשר בחלב איז אסור בהנאה נאר ביי בשר בהמה, אבער בשר עוף איז נאר אסור באכילה, עס איז מותר בהנאה. און דא איז נאר געווען בשר עוף, האט מען עס דאך געקענט פארקויפן פאר א גוי, און מען האט עס נישט געדארפט אוועקגיסן. איז מען געקומען צום רב, און מען האט אים געפרעגט, פארוואס דער רב האט געפסקנט אז עס איז אסור בהנאה, עס איז נאר בשר עוף בחלב וואס איז מותר בהנאה. האט דער רב געזאגט, אמת, בשר עוף בחלב איז מותר בהנאה, אבער דא קומט צו נאך א שאלה, אז עס איז אבר מן החי. אזוי ווי ער איז אריינגעפאלען לעבעדיגערהייט, איז ער דאך געווען חי, איז ארויסגעקומען א טעם פונעם חי אריין אין די מילך, און אבר מן החי איז אסור אפילו פאר א בן נח, און עס איז אסור בהנאה. קומט אויס אז מען קען עס נישט פארקויפן פאר א גוי, ווייל א גוי טאר עס אויך נישט עסן.

**שרייבט** דער **חתם סופר**, אז בשעת דער רב האט געפסקנט די שאלה, איז אים נישט איינגעפאלען אז עס איז אבר מן החי. ער האט געהאט א טעות, ער האט געמיינט אז עס איז אסור וועגן בשר בחלב, און ער האט זיך נישט געכאפט אז עס איז בשר עוף, און ער האט געפסקנט אז עס איז אסור בהנאה. אבער אזוי ווי לא יאונה לצדיק כל און (משלי יב-כא), האט אים דער אייבערשטער מציל געווען פון א בזיון, און עס איז אים איינגעפאלען אז עס איז דא א שאלה פון אבר מן החי. און דער **חתם סופר** גייט אריין אין א אריכות צו עס איז טאקע דא א שאלה פון אבר מן החי, צו א לעבעדיגע זאך איז אויך פולט א טעם. מען רעדט דאך נישט פון עסן אבר מן החי, מען האט ארויסגענומען די עוף, עס איז נאר אז לעבעדיגערהייט איז ארויסגעקומען א טעם, עס קען זיין אז ביי א דבר חי איז נישט דא קיין בליעה ופליטה. אזוי ווי א לעבעדיגער מענטש איז נישט בולע און פולט, קען זיין אז ביי א חי איז אויך נישט דא, און דער **חתם סופר** גייט דארט אריין אין א דיון. דער **חתם סופר** שרייבט נישט ביי וועם די מעשה איז געווען.

**אבער** עס איז דא א ספר **שו"ת יד אליעזר** (סימן קכה), וואס ער ברענגט צו דעם **חתם סופר**, און ער שרייבט אז איך וועל זיין א הולך רכיל, און איך וועל מגלה זיין דעם סוד ביי וועם עס האט פאסירט, אז די מעשה האט פאסירט ביי דעם **הפלאה**, ווען ער איז אנגעקומען קיין פראנקפורט. די ערשטע שאלה וואס מען האט געפרעגט דעם רב, איז געווען די שאלה, און ער האט געמאכט א טעות אין זיין הוראה, און ער האט געפסקנט קודם אז עס איז אסור בהנאה, און דער אייבערשטער האט אים שפעטער מציל געווען, אז עס איז אים איינגעפאלען אז עס איז דא א דיון דערויף וועגן אבר מן החי.

*

**דער חתם סופר** ברענגט צו, אז אויף דער עלטער, האט דער **הפלאה** נישט געזען אויף די אויגען. און דער **הפלאה** איז געווען רגיל צו זאגען, כחשיכה כאורה (תהלים קלט-יב), אזוי ווי עס איז אים נתמעט געווארן די זעהן מיט די אויגן, איז אים די עיני השכל שטערקער געווארן. זיין הארה וואס ער האט געהאט אין תורה, אין שכל, איז אים

שטערקער געווארן פון ווען ער האט אויפגעהערט צו זעהן מיט די אויגן. האט ער געזאגט, 'כחשיכה', אזוי ווי די אויגן ווערן אים פונסטער, 'כאורה', קומט פאר דעם צו א אור. די אויגען טוען אראפברענגען די מענטש פון זיינע מדות. ווען מען זעהט אסאך, ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, למען תזכרו. און אזוי ווי עס איז געווען כחשיכה, ער האט אויפגעהערט צו זעהן מיט די אויגן, איז אים די עיני השכל מער געווארן.

*

**הגה"ק מציעשנוב** היה לו קורת רוח שהספיק עוד להכיר את זקנו **הרה"ק מצאנז זי"ע**, משום דכתבו התוספות (ב"ב נט.) דהא דאיתא בגמרא (ב"מ פה.) כל שהוא תלמיד חכם, ובנו תלמיד חכם, ובן בנו תלמיד חכם, שוב אין התורה פוסקת מזרעו לעולם, היינו דוקא ברואין זה את זה (י"ג אורות).

**והוסיף רבינו:** דער **ייטב לב** ברענגט צו, אז דער **ישמח משה** איז אמאל געזעסן ביים טיש, און זיין זון **רבי אלעזר ניסן** איז אויך געזעסן דארט, און זיין אייניקל דער **ייטב לב**, א זון פון **רבי אלעזר ניסן**, איז אויך געזעסן דארט. נאכדעם וואס דער **ישמח משה** האט געזאגט תורה, האט דער **ישמח משה** געבעטן זיין זון **רבי אלעזר ניסן**, אז ער זאל אויך זאגן א דבר תורה, און נאכדעם האט ער געבעטן דעם **ייטב לב**, אז ער זאל אויך זאגן א דבר תורה. האט דער **ישמח משה** צוגעגעבן, אז תוספות זאגט, אז ברואין זה את זה, ווען דריי דורות זעהן זיך איינער דעם אנדערן, שוב אין התורה פוסקת מזרעו לעולם, מיינט מען נישט רואין זה את זה, אז מען קוקט זיך אן, נאר די דריי דורות האבן א שייכות אין דברי תורה. אויב א טאטע מיט א קינד און א אייניקל האבן א שייכות אין דברי תורה, איז דא א הבטחה אז די תורה וועט בלייבן ביי זיי.